# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

359 · פרשת וישלח · תשפ"א

## מאוצרות אמונים — פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### לויבן - קורץ, בעטן - קלאר

"הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו כִּי יָרֵא אָנֹכִי אֹתוֹ פֶּן יָבוֹא וְהִכַּנִי אֵם עַל בָּנִים" (לב יב)

פון דעם וואס יעקב האט בשעת'ן דאווענען אויסגערעכענט קלאר ווער איז זיין פיינט וואס ער וויל געראטעוועט ווערן פון אים, און וואס איז זיין שרעק פון אים, לערנט ארויס דער זוהר הקדוש (וישלח קסט א) אז דער מענטש דארף גוט ארויס זאגן זיין בקשה ווען ער דאווענט צום אייבערשטן.

מיט דעם יסוד פארענטפערט **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן** די סיבה פארוואס זיין זיידע דער **ב"ח** (או"ח מז) האלט אז מ'דארף אויסרעכענען ביי די ברכת התורה: "ונהיה אנחנו וצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ", טראץ אז אין די ווארט 'צאצאינו' איז שוין אריינגערעכנט די קינדער און אייניקלעך צוזאמען, אזוי ווי מ'זעט אין דער נוסח הברכה נאך א ברית מילה: "אשר קידש ידיד מבטן וחוק בשארו שם וצאצאיו חתם באות ברית קודש", און תוספות (שבת קלז ב ד"ה ידיד) ערקלערט: "ידיד" - דאס איז אברהם אבינו, "שארו" - זיין זון יצחק, "וצאצאיו" - דאס זענען **יעקב און זיינע קינדער**, וואס זענען קינדער פון יצחק.

אבער, לויט'ן זוהר אז ווען מ'דאוונט און מ'בעט דארף מען קלאר ארויסזאגן די געבעט, וועט מען גוט פארשטיין: די תפילה פון 'והערב נא' איז א בקשה, וועגן דעם דארף מען ארויסזאגן: "וצאצאי צאצאינו", אבער די ברכה נאך א ברית מילה איז בגדר הודאה, און ביי הודאה איז גענוג דערמאנען בקיצור - "וצאצאיו".

'יד שאול' יור"ד רסה ג

### דאווענען אויף א הצלחה פון א צווייטן - מיט זיין נאמען

"וַיִּשְׁאַל יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הַגִּידָה נָּא שְׁמֶךָ וַיֹּאמֶר לָמָּה זֶּה תִּשְׁאַל לִשְׁמִי וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ שָׁם" (לב ל)

"'ויברך אותו שם' - ובריך יתיה **יעקב** תמן" (תרגום יונתן)

אין מסכת ברכות (לד א) לערנען ארויס די חכמים פון דעם וואס משה האט געדאוונט אויף זיין שוועסטער מרים (במדבר יב יג): "אֵ-ל נָא רְפָא נָא לָהּ", אן דערמאנען איר נאמען, אז איינער וואס דאוונט אויף א צווייטן [אין זיין געגענווארט (מג"א או"ח קיט א)] דארף מען נישט דערמאנען זיין נאמען.

**רבי יחיאל מיכל שטערן**, דער רב פון די עזרת תורה געגנט, זאגט אז פון די תרגום יונתן אז יעקב האט געבענטשט דעם מלאך קען מען זיך ארויסלערנען אז דער פטור פון דערמאנען דעם נאמען איז נאר ווען מ'דאוונט אויף א רפואה, אבער ווען מ'דאוונט אויף א הצלחה פון א צווייטן דארף מען דערמאנען זיין נאמען אפילו ווען דאוונט אין געגנווארט, אזוי ווי מ'טרעפט דא אז יעקב האט געפרעגט דעם מלאך אויף זיין נאמען בעפאר ער האט אים געבענטשט.

### עס לוינט לעבן, אויך נאר צוליב איין ברכה

"וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר" (לב כז)

עס האט דערציילט א תלמיד פון **רבי יעקב קאמינעצקי**:

אין אירע עלטערע יארן האט מיין מאמע ע"ה געליטן פון פארשידענע קראנקייטן און יסורים, איר ראיה און שמיעה זענען שוואכער געווארן און זי האט כמעט אויפגעהערט פונקציאנירן. אלץ רעזולטאט פון דעם האט זי פארלוירן איר טעם אין לעבן און נישט געהאט אינטערעסע אין דעם. ווייל איך האב איר געוואלט שטארקן און מוטיגן, האב איך זיך געווענדן צו מיין רבי'ן און געפרעגט א עצה, און ער האט מיר געענטפערט אזוי:

אין אונזער פרשה ווערט ערקלעקט, אז נאך וואס יעקב האט זיך געראנגלט מיטן מלאך, האט אים דער מלאך געזאגט: "שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר", ערקלערן חז"ל (חולין צא ב) אזוי האט דער מלאך געזאגט צו יעקב: "פון דער טאג וואס איך בין באשאפן געווארן איז נאכנישט אנגעקומען מיין צייט צו זאגן שירה ביז יעצט". לאמיר אריינטראכטן, דער מלאך איז דאך זיכער באשאפן געווארן אזוי ווי די אנדערע מלאכים אינמיטן די ששת ימי בראשית, און עס איז אינטערעסאנט צו זעהן ווי שטארק עס האט זיך געלוינט פאר הקב"ה אים צו באשאפן און האלטן ארום צוויי טויזנט יאר, נאר אויף די איין מינוט ער זאל זוכה זין זאגן פאר אים שירה!

גיי צו צו דיין מאמע און זאג איר, אויב זי וועט פארשטיין די ווערד פון א ברכה אדער א תפילה וואס זי איז נאך מסוגל זאגן, וועט זי זיכער ווילן בלייבן ביים לעבן, אפילו נאר צוליב די זכות אליין!

דערציילט ווייטער דער תלמיד: נאך וואס איך האב עס איבערגעזאגט פאר מיין מאמע, האט אויסגעזען ווי עס וואלט אריין אין איר פרישע כוחות, זי האט זיך געשטארקט און געלעבט נאך לאנגע יארן, ביז זי איז נפטר געווארן אין א טיפן עלטער פון זעקס און ניינציג יאר.

'במחיצת רבינו' עמ' קפא

די זעלבע זאך קען מען ארויסלערנען די אונטערשייד פון דעם וואס עס ווערט דערציילט אין גמרא (תענית כה א), א ווען 'אֵיכוּ' - די שכנ'טע פון רבי חנינא בן דוסא - האט געבויעט איר הויז און די ברעטער פון די דאך זענען געווען קורץ, האט רבי חנינא איר געבענטש: "איכו - נִמְטוּ כְּשׁוּרַיִךְ" [די ברעטער זאלן לענגער ווערן]. זעט מען אז ביי א תפילה וואס איז נישט אויף א קראנקייט, דארף מען דערמאנען דעם נאמען פון דער מענטש וואס מ'דאוונט אויף אים, כאטש ער געפונט זיך דארט.

'בירורי הלכה' ברכות עמ' רכג

### 'נס במקום הזה'

"וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל יַעֲקֹב קוּם עֲלֵה בֵית אֵל וְשֶׁב שָׁם וַעֲשֵׂה שָׁם מִזְבֵּחַ לָאֵ-ל הַנִּרְאֶה אֵלֶיךָ בְּבָרְחֲךָ מִפְּנֵי עֵשָׂו אָחִיךָ" (לה א)

פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן פאר יעקב זאל ארויף גיין און אים לויבן דווקא אין בית-אל?

ערקלערט **רבי עובדיה ספורנו**:

ווען יעקב איז אנטלאפן קיין חרן צוליב זיין ברודער עשו, האט הקב"ה זיך באוויזן צו אים אין בית-אל און צוגעזאגט (בראשית כח טו): "וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ וַהֲשִׁבֹתִיךָ אֶל הָאֲדָמָה הַזֹּאת...". דעריבער יעצט, נאך וואס די הבטחה איז מקויים געווארן, האט ער אים באפוילן: "קוּם עֲלֵה בֵית אֵל וַעֲשֵׂה שָׁם מזבח...", ווייל די הודאה אויף די נסים דארף זיין אויף דער פלאץ וואו השי"ת האט דיר גוט'ס געטון, און האט דיר צוגעזאגט אויף דעם, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נד א) אז איינער גייט אדורך א פלאץ וואו עס איז אים געשען א נס דארף ער לויבן און זאגן די ברכה: "ברוך שעשה לי נס במקום הזה".

'ספורנו'

### 'ושב שם' - פארן לויבן

"וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל יַעֲקֹב קוּם עֲלֵה בֵית אֵל וְשֶׁב שָׁם וַעֲשֵׂה שָׁם מִזְבֵּחַ לָאֵ-ל הַנִּרְאֶה אֵלֶיךָ בְּבָרְחֲךָ מִפְּנֵי עֵשָׂו אָחִיךָ" (לה א)

די מפרשים וואונדערן אויף די באדייט פון די ציווי: "ושב שם" - וואו טרעפן מיר אז יעקב האט זיך אויפגעהאלטן אין בית אל צוליב די באפעל פון ה'?

דער **רמב"ן** ענטפערט:

די ציווי "ושב שם" באדייט ער זאל זיך צוגרייטן אין בעפארברייטונג פון בויען די מזבח און מקריב זיין די קרבנות אין בית אל, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות ל ב): "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין, כדי שיכוונו לבם לאביהם שבשמים"

דער **הנצי"ב** ערקלערט אויף נאך א וועג:

יעקב האט זיך דעמאלטס געפונען אין א פחד און א צרה, זארגנדיג זיך אפשר וועלן די איינוואוינער פון די לאנד נקמה נעמען אויף דעם וואס זיי האבן גע'הרג'עט די מענטשן פון שכם. דעריבער האט אים דער אייבישטער געזאגט: זיץ און ווארט ביז איך וועל דיך ראטעווען פון די צרה, און נאר נאכדעם זאלסטו מקיים זיין דיין נדר און אויפבויען די מזבח אין בית אל וואו דו וועסט לויבן אויף דעם וואס איך האב דיך געראטעוועט פון עשו. אזוי ווי די הלכה איז ביי איינעם וואס איז אים געשען א נס און איז געראטעוועט געווארן, און בעפאר ער האט אנגעיאגט זאגן 'הגומל' האט אים אנגעטראפן נאך א צרה, זאגט ער נישט א 'הגומל' ווען ער געפונט אין א צרה, נאר דערנאך וואס ער גייט ארויס אויך פון די צווייטע צרה.

רמב"ן, ע"פ 'ספר חרדים' סוף פרק סה; 'העמק דבר'

---

"כֶּתֶר יִתְּנוּ לְךָ... מַלְאָכִים הֲמוֹנֵי מַעְלָה עִם עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל קְבוּצֵי מַטָּה"

אין זיין ספר 'קב הישר' אין די קאפיטל וואס רעדט וועגן די מצוה פון צינדן די חנוכה לעכט (פרק צו), שרייבט דער מקובל האלוקי רבי צבי הירש קאיידנאווער, אזוי:

"פון יעדע מצוה וואס א מענטש טוט ווערן געבוירן און באשאפן הייליגע מלאכים, און די מלאכים וואס ווערן באשאפן פון דעם ווערן אנגערופן די מחנה פון די מצוה. און דאס איז פשוט, אז ביי יעדע מצוה וואס מ'זאגט אויף דעם א ברכה נעמען זיך צוזאם די מלאכים, און שטייען ארום דער מברך, און הערן די ברכה און ענטפערן אמן. און א רמז אויף דעם: 'מלאך' איז בגימטריה 'אמן'. און וועגן דעם ווען די אידן ענטפערן אויף א ברכה אדער אויף קידוש און זאגן אמן, זאלן זיי אינזין האבן אויף די מלאכים אז זאלן ענטפערן אמן"

**אָמֵן.** לְעֻמָּתָם מְשַׁבְּחִים וְאוֹמְרִים!



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה "רוקע הארץ על המים"

### 'רוקע' בלשון הווה

אין די ערשטע טעג די בריאה האבן די וואסערן פארדעקט די גאנצע כדור הארץ, ביז צום דריטן טאג ווען דעמאלטס זענען זיי באפוילן געווארן (בראשית א ט): "יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד ותראה היבשה". דעמאלטס איז די כדור הארץ צוטיילט געווארן אויף צוויי טיילן, ים און יבשה, ווען די מערהייט איז פארדעקט מיט די וואסערן פון ים און די אוקייאנוס'ן, און א קליינע טייל איז די יבשה וואס אויף דעם לעבן מיר.

פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג, טראץ וואס די יבשה איז ארום גערינגלט מיט וואסער פון אלע זייטן, די באפעל פון ה' האלט צוריק די שטענדיגע רוישיגע כוואליעס פון ים פון צו פארפלייצן די וועלט אזוי ווי זייער נאטור איז, און אזוי איז איבער געבליבן די יבשה פאסיג צום וואוינען און פעלדער און פלאנצונגען וואס פעלן אויס צו קענען לעבן אויף דער וועלט.

פון דעם וואונדערליכן חסד דערמאנען מיר זיך יעדן אינדערפריה ווען מיר לייגן אראפ די פוס אויף די הארטע ערד, און כדי מיר זאלן קענען לויבן אויף דעם ווי עס דארף צו זיין האט מען מתקן געווען די ברכה 'רוקע הארץ על המים', וואס איז געבויעט אויף דעם לשון הפסוק (תהלים קלו ו): "לרוקע הארץ על המים כי לעולם חסדו".

כאטש די באפעל פון 'יקוו המים' איז געגעבן געווארן אינמיטן די ששת ימי בראשית, זאגן מיר נישט "שֶׁרָקַע" - מיט א לשון עבר, נאר "רוקע" - מיט א לשון הווה, ווייל דער אייבערשטער טוט באנייען די בריאה יעדן טאג, ביזן היינטיגן טאג, אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען: "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית".

יעדן אינדערפריה ווען מיר שטייען אויף אינדערפריה פון בעט און מיר לייגן אראפ די פוס אויף די הארטע ערד, דארפן מיר לויבן הקב"ה אויף דעם וואס ער האט אויסגעשפרייט די ערד, העכער די וואסערן, און האט גוזר געווען אויף די וואסער'ן זאלן נישט פארפלייצן די טרוקעניש, אזוי ווי עס איז געווען בעפאר די בריאה, אזוי ווי עס שטייט (ירמיהו א כד): "הַאוֹתִי לֹא תִירָאוּ נְאֻם ה' אִם מִפָּנַי לֹא תָחִילוּ אֲשֶׁר שַׂמְתִּי חוֹל גְּבוּל לַיָּם חָק עוֹלָם וְלֹא יַעַבְרֶנְהוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ וְלֹא יוּכָלוּ וְהָמוּ גַלָּיו וְלֹא יַעַבְרֻנְהוּ" ('אבודרהם' השכמת הבוקר; רד"ק תהלים קלו ו; מלבי"ם שם).

### א ברכה וואס טוט אפווענדן די געוואוינהייט

עס זענען וואס טייטשן אז אין די ברכה לויבן מיר אויף דעם וואס דער אייבערשטער שטעלט אוועק די טרוקעניש מיט א פעסטקייט העכער די תהום-וואסערן וואס זענען אונטער איר. ווייל די גאנצע וועלט וואס אויף דעם לעבן מיר איז העכער די תהום, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (כד ב): "כי הוא על ימים יסדה ועל נהרות יכוננה", אזוי אויך זאגן חז"ל (מדרש תהלים צג): "די וועלט איז אויסגעשפרייט העכער די וואסער אזוי ווי א שיף וואס שווימט אינמיטן ים".

לויט די טבע פון דער וועלט, וואלט די ערד פון די וועלט געדארפט איינזינקען אין די וואסער צוליב איר וואג, איבערהויפט אז עס טראגט אויף איר א שווערע לאסט פון מיליארדן מענטשן, מיט אלעס ארום, ביי די ברכה לויבן מיר אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט אוועק געשטעלט די וועלט מיט א פעסטקייט, העכער די וואסערן פון תהום וואס זענען אונטער דעם און דורך דעם זינקט זי נישט איין אין זיי ('לבוש' מו ב; 'ערוך השולחן' שם ד).

און אזוי שרייבט דער 'שיח יצחק' (נדפס ב'סידור הגר"א'): "ווען ער וועט אראפלייגן זיין פוס אויף די ערד, זאל ער אריינטראכטן: ריכטיג טאקע אז מיר זענען צוגעוואוינט צו טרעטן אויף די ערד אזוי ווי אויף א פעסט-געבויעטע מויער, אבער לאמיר אריינטראכטן, איז עס דען אזאך וואס מוז אזוי זיין? די טבע פון די זאמד איז דאך אראפצוגיין אונטער די וואסער... און נאר דער אייבערשטער מיט זיין גרויסן חסד איז ער 'רוקע הארץ על המים'".

### גיין 'ביבשה' אזוי ווי 'בתוך הים'

די זאך אז די ערד איז אויסגעשפרייט העכער די וואסער, כאטש אז ווי געזאגט איז עס א געוואלדיגע נס, איז אין אונזערע אויגן ווי א חלק פון די טבע און כמעט וואס מיר טראכטן נישט פון דעם אין דעם טאג טעגליכן לעבן. אין ספר 'עלי דרך' (עמ' קסב) טראגט ער אן א געדאנק וואס קען פארשטארקן אין אונז די געפילן פון לויב זאגנדיג די ברכה: "ווען דו וועסט זאגן די ברכה רוקע הארץ על המים, שטעל דיך פאר אז די גאנצע וועלט איז פארפלייצט מיט די וואסערן פון ים, די בלאטע פארדעקט די גאנצע וועלט, און די דורכגאנג פון איין פלאץ צו א צווייטע איז נאר דורך א שיף. און אט זעט מען ווי די ערד ווערט אויסגעטרוקנט און מ'קען גיין אויף דעם - דאס איז דער ריכטיגער בילד פון דער וועלט ווען נישט די שטענדיגע הילף פון ה' וואס ער איז 'רוקע הארץ על המים'".

מ'קען צולייגן און זאגן, אז יעדער וואס איז אמאל געפארן א לאנגע צייט מיט א שיף אדער א פליגער, און מיטגעמאכט אלע שוועריקייטן, קען גרינגערהייט פארשטיין דעם גרויסן נס און די געוואלדיגע הנאה וואס איז דא אין דעם אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף, אין די געווענליכע לעבן טרעטן מיר אויף א הארטע און פעסטע ערד, און אויב ער וועט אריינטראכטן אין דעם בשעת'ן זאגן די ברכה, וועט ער זיכער קענען לויבן אויף דער נס מיט די ריכטיגע כוונה.

און אזוי שרייבט דער בעל 'נועם אלימלך' ('ליקוטי שושנה' ד"ה הפך יום) אין דעם ענין:

דער פסוק זאגט (שמות יד כט): "ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים", און מ'קען טייטשן אז נאך קריעת ים סוף, ווען די אידן האבן געזען די געוואלדיגע נסים, זענען זיי צוגעקומען צו א טיפע השגה אין די השגחה פון ה' אויף אונזער וועלט, אזוי ווייט אז פון דעמאלטס זענען זיי געגאנגען אויף די יבשה אזוי ווי זיי גייען בתוך הים, ד.מ.: זיי האבן פארשטאנען אז דאס וואס דער מענטש גייט אויף די 'יבשה', צוליב די נס פון אויסשפרייטן די ערד אויף די וואסער, איז נישט ווייניגער א נס פון דאס וואס די אידן זענען געגאנגען 'בתוך הים' ('ליקוטי שושנה' [נדפס בסוף ספר 'נועם אלימלך'] ע"פ 'דברי אבי"ב' וירא).

### זיך שטארקן אויף די טבע

פון דעם וואונדערליכן נס פון אויסשפרייטן די ערד אויף די וואסער, קענען מיר זיך אפלערנען, אז דער אייבערשטער האט אין אונז איינגעפלאנצט דעם כח זיך צו קענען שטארקן אויף דעם גשמיות'דיגן קערפער און זיינע תאוות; אזוי ווי דער אייבערשטער האט צובראכן די טבע פון די וואסער דורך די באפעל "יקוו המים", און פון דעמאלטס טון די וואסער אונטערדריקן זייער טבע צו פארפלייצן אלעס וואס זיי טרעפן אויף זייער וועג, און אזוי קען די וועלט בלייבן וועלט, און ווערט נישט פארפלייצט דורך די וואסער אזוי פאלט נישט אריין אין די טיפענישן פון תהום, אזוי אויך אונז - מיר קענען זיך שטארקן אויף די גשמיות'דיגע טבע וואס שלעפט אונז צו די תאוות, און אוועק שטעלן אונזער ציל צו טון דעם רצון ה'.

דאס איז די סיבה אז די דור המבול איז געשטראפט געווארן דווקא מיט דעם וואס די וואסער האט זיי פארפלייצט - מידה כנגד מדה - זיי האבן זיך אונטערגעגעבן אונטער די טבע און האבן נישט געוועלטיגט אויף זייער יצר, אזוי אויך די וואסער איז צוריק צו זייער טבע און פארפלייצט און פארדעקט די גאנצע וועלט, אזוי ווי עס וואלט פאסירט בדרך הטבע ווען די וואסער פאלגט ווען נישט דעם באפעל פון ה' ('זכרון משה' [פון ר"מ טערשאנסקי פון קרעמענטשוג] עמ' פז; 'אור פני יהושע' פר' נח).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם רוֹקַע הָאָרֶץ** - אויף דעם וואס ער שפרייט אויס די טרוקענע **הָאָרֶץ** - **עַל הַמָּיִם**, כדי די כוואליעס פון די ים זאלן נישט צוריק קומען עס פארדעקן אזוי ווי עס איז געווען בשעת די בריאה, און דורך דעם קען די גאנצע בריאה האבן א עקזיסטענץ.

**אָמֵן** - אמת עס איז ריכטיג אז אויף אונז ליגט א חוב לויבן ה' אויף דעם וואס ער לאזט נישט די וואסער פארפלייצן די טרוקעניש, און דורך דעם קען די וועלט עקזיסטירן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## ברכת ה' היא תעשיר

א ווארעמע מיטאג שעה פון ענדע זומער. ר' נחום זיצט אין זיין אפגעקילטן אפיס, ערגעץ דארט אין איינע פון די הויכע הייזער אין די גרויסע שטאט ניו יארק, זיינע הענט זענען באשעפטיגט מיט א פשוטע טעכנישע ארבעט, אזאנס וואס צו דעם פעלט נישט אויס אסאך טראכטן, און זיין מח קען שוועבן אין די פארבארגענע וועלטן.

א ערליכער פארצייטישער איד איז ר' נחום, און ער איז זיך משתדל אויסנוצן יעדע מינוט פון זיין לעבן אויפן בעסטן וועג, אזוי אז יעדע צייט וואס זיין מח איז פריי הערט ער זיך צו צו שיעורים פון תורה און מוסר. אין די טעכנאלאגישע וועלט וואס מיר לעבן היינט צו טאג קען מען גרינגערהייט אנקומען צו די פילע טויזנטער וואונדערליכער שיעורים, און ר' נחום נוצט דאס אויס כדי צו שטייגן מער און מער אין עבודת ה'.

חודש אלול גייט שוין באלד אדורך, און דער משפיע וואס ר' נחום האט באשלאסן אין יענע טאג אים צו הערן, ערוועקט די צוהערהער זאלן זיך אונטערנעמען א ספעציעלע קבלה אין בעפארברייטונג פון די נייע יאר הבא עלינו לטובה.

"עס פעלט נישט אויס א איבערגעטריבענע קבלה", שרייט דער משפיע, "עס איז גענוג אויב מיר ווילן זיך אונטערנעמען א קליינע קבלה, בתנאי מיר זאלן נישט נאכלאזן; זומער און ווינטער, שבת און אינדערוואכן... א שטארקע קבלה וואס קען טוישן אינגאנצן דעם מענטש, פארשטערקערן דעם קשר צווישן אים און זיין באשעפער מיט עטליכע שטאפלען...".

ר' נחום הערט צו, און די ווערטער דרינגען אריין טיף אין זיין הארץ. אויף א קורצע צייט שטעלט ער אפ די שיעור און טראכט אריין אין די ווערטער...

"וואספארא קליינע קבלה קען איך זיך אונטערנעמען אויף א לאנגע צייט?" - פרעגט ער פאר זיך אליינס, און תוך כדי דיבור דערמאנט ער זיך פון א אנדערע שמועס וואס ער האט געהערט פאר א קורצע צייט צוריק און איר אינהאלט האט אים באריךט דאס הארץ. די שמועס האט זיך באצויגן איבער די סגולה און מעלה פון ברכת המזון וואס ווערט געזאגט מיט כוונה און אינעווייניג, און ר' נחום האט באשלאסן אז דאס איז די מערסטע פאסיגסטע קבלה פאר אים.

'אומר ועושה'; פון דער טאג און ווייטער איז ר' נחום מקפיד יעדן טאג זיך צו וואשן יעדן טאג אויף ברויט, און נאכדעם בענטשן מיט כוונה, געלאסן און אינעווייניג. עס זעט אויס אז עס איז געווען א געלונגענע אויסוואל, ווייל מיטן אייבערשטנ'ס הילף האלט שוין אן די קבלה העכער צען יאר, און בעצם ביזן היינטיגן טאג.

מיט דעם האט זיך די ערציילונג נישט געענדיגט.

עטליכע יאר שפעטער האט ר' נחום זיך געטראפן אין נישט א פשוטן עקאנאמישן צושטאנד, אזוי ווייט אז די הוצאות פון זיין שטוב זענען געווען מער פון זיינע הכנסות. ער איז נוטיג געווען אין א דרינגעדן אופן אויף נאך א באדייטנדע הכנסה.

ווען עס איז אים געווען ענג און שמאל, האט ער זיך געוואנדן צו זיין חבר, א פארמעגליכער יונגערמאן וואס פארשטייט גוט צו ביזנעס, און אויסגעשמועסט זיין מצב.

"ממש פון הימל ביזסטו היינט אנגעקומען" - האט זיין חבר רעאגירט מיט איבערראשונג, און האט באלד פארגעזעצט: "פונקט היינט האט מען מיר אנגעטראגן א זעלטענע ביזנעס געלעגנהייט - אפקויפן א בליענדע ביזנעס פון מעדיצינישע פראדוקטן וואס שטייט אויף א אויספארקויף אויף גאר א ביליגן פרייז - אבער איך האב עס געמוזט אפווארפן נישט האבנדיג קיין צייט זיך באשעפטיגן מיט דעם און עס פירן.

עס זעט מיר אויס אז דו ביזסט דער פאסיגסטער מענטש צו קענען פארענדיגן דעם 'פאזעל'; איך בין גרייט אינוועסטירן האלב פון די סומע וואס פעלט אויס אפצוקויפן די ביזנעס, דו זאלסט ברענגען די צווייטע העלפט, אזוי אויך וועסטו פירן די ביזנעס, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר ביידע צוזאמען מצליח זיין...".

ווייל ר' נחום האט גוט געקענט די סארט פאך, האט ער באלד פארשטאנען אז פון הימל האט מען אים צוגעשטעלט די גאלדענע געלעגנהייט, און מיט גרויס פרייד האט ער אנגענומען די פארשלאג. ער האט שנעל פארשאפט פאר זיך הלוואות פון וואו עס האט זיך נאר געלאזט, און ביז געציילטע טעג איז ער געווארן א ריכטיגער שותף אין די ביזנעס, ווען א גרויסער טייל פון די פארדינסטן גייט פאר אים. מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט אים געשיינט די הצלחה, און ביז צוויי יאר האט ער געקענט באצאלן זיינע חובות. נאכן ענדיגן באצאלן זיינע חובות האט ער אנגעטראגן פאר זיין חבר - זיין שותף - אפקויפן פון אים זיין טייל פון די ביזנעס, יענער האט מיט פרייד צוגעשטימט, ר' נחום האט ווייטער געברענגט הלוואות, באצאלט וואס קומט אים, און אזוי איז ער געווארן דער אייציגסטער באלעבאס פון די ביזנעס.

ארום א האלבע יאר שפעטער, ווען ער ראנגלט זיך ארום צו קענען באצאלן די חובות וואס ער האט גענומען אויף זיך צו קענען אפקויפן די ביזנעס, איז אין א העלן טאג אנגעקומען צו אים א מעלדונג וואס די אינהאלט האט אים צוגעבראכט א טאטאלישן שאק. אין די מעסעדזש וואס איז געשיקט געווארן צו אים פון דער מנהל פון די פאבריק אין טשיינע וואס האט פאבריצירט פאר אים געוויסע מעדיצינישע זאכן, שטייט דארט געשריבן אז די מיליאן פושקעס איינמאליגע הענטשיך וואס ער האט באשטעלט זענען גרייט, און ער דארף אריבער פירן די געלט צו זיי כדי זיי זאלן ווי שנעלער קענען ארויסשיקן די באשטעלטע סחורה.

ר' נחום האט געריבן זיינע אומגלויבליך; "מיליאן פושקעס?! איך האב באשטעלט נאר הונדערט טויזנט!", האט ער זיך געאיילט צו שטעלן דעם מנהל אויף זיין טעות, אבער יענער האט זיך פאר'עקש'נט אז ביים באשטעלן איז געשטאנען די נומער מיליאן. ר' נחום איז אריבער די ליסטע פון די מעסעדזשעס און האט געזען אז ער האט טאקע געהאט טעות און אין די מעסעדזש וואס ער האט געשיקט פאר דעם מנהל אין די פאבריק אין טשיינע האט ער טעות געהאט און געשריבן 1.000.000 אנשטאט 100.000.

דער כינעזער מנהל פון טשיינע האט נישט געוואוסט קיין חכמות... אז עס שטייט מיליאן האט ער פאבריצירט מיליאן, ר' נחום האט נישט געהאט קיין ברירה נאר צו נעמען גרויסע הלוואות און באצאלן די ריזיגע סומע. יעצט איז ער געבליבן אליין זיך פארמעסטן מיט די שווערע פראגע: "וואס זאל ער יעצט טון מיט די מיליאן פושקעס הענטשיקעס?" - די פראגע וואס וועט אים מוטשען זיין מנוחה אין די קומענדיגע תקופה.

לאמיר אייך נישט מיד מאכן מיט שילדערן די פולע אנטוישונגען וואס ר' נחום איז אריבער אויפן וועג צו פארקויפן די הענטשיקעס. אויך ווען ער האט אראפגעלאזט די פרייז ווייניגער פון וויפיל ער האט באצאלט אויף דעם האט ער נישט געטראפן א קונה. די חובות האבן אים זייער געדריקט, אויסער דעם וואס ער האט געדארפט באצאלן יעדן חודש א ריזיגע סומע אויף די סטארידזש (מחסן) וואו די סחורה איז געווען אוועק געלייגט.

ר' נחום האט געהאפט פטור ווערן פון די סחורה ווי שנעלער, אבער ער איז געצוואונגען געווען צו ווארטן און ווארטן אן קיין האפענונג.

די גאנצע צייט האט ר' נחום ווייטער אנגעהאלטן זיין קבלה צו בענטשן ברכת המזון אינעווייניג, און אינצווישן האט ער אויך באשלאסן צולייגן צו דעם נאך א חיזוק מיט דעם וואס ער האט זיך אנגעהויבן וואשן די הענט אויך אויף נאכמאל כדי ער זאל קענען יעדן טאג בענטשן, און מיט דעם שטערקער מאכן די סגולה פון פרנסה.

אינמיטן ווינטער שנת תש"פ זענען געקומען די נייעס אויף א נייע ווירוס וואס האט זיך אנגעהויבן צו פארשפרייטן אין די ווייטע טשיינע. ר' נחום וואס א גאנצע צייט איז געווען פארנומען פארקויפן די סטאק הענטשיקעס האט נישט געטראכט איין מינוט אז די פרישע נייעס האט עפעס מיט אים.

עס איז נישט אדורך אסאך צייט ביז עס איז אנגעקומען די נייעס אז אין אמעריקע האט מען שוין געטראפן עטליכע אנגעשטעקטע. די געזונטהייט באאמטע האבן אנגעהויבן צו נעמען שריט עס זאל זיך נישט צושפרייטן די עפידעמיע.

צוביסלעך אויך אין אמעריקע האט מען אנגעהויבן צו פארשטיין אז עס האנדלט זיך פון א געפארפולע ווירוס וואס מ'דארף זען וויאוי מ'קען אפהאלטן זיין פארשפרייטונג, דעריבער איז די רעגירונג ארויסגעקומען מיט פארשידענע געזעצן פון ריינקייט. אין יענע צייטן האט מען געמיינט אז די הויפט פארשפרייטונג פון די קאראנע ווירוס איז דורך אנכאפן, און צוליב דעם האבן זיי באפוילן אנטון הענטשיקעס ווען מ'געפונט זיך צווישן פרעמדע מענטשן.

נאר ווען אינמיטן נאכט האט זיך פארבינדן איינער פון די פולע סוחרים וואס צו זיי האט ער זיך געבעטן אין די לעצטע חדשים זיי זאלן אפקויפן פון די הענשיקעס אויף גאר ביליג, און יעצט האט ער זיך געבעטן ביי ר' נחום זאל אים פארקויפן די ריזיגע סומע הענטשיקעס, דעמאלטס האט ער זיך אויפגעכאפט אז א גאלדענע אוצר ליגט אונטער זיינע הענט.

די גרויסע טשיינע האט אפגעשטעלט אירע פאבריקן צוליב די עפידעמיע, און אויף דער וועלט איז געווארן א מאנגל אין די פראדוקט - הענטשיקעס.

ער האלט נאך אינמיטן רעדן און א צווייטער איז שוין דא. איינער נאכן צווייטן האבן אנגערופן ר' נחום'ען די אלע סוחרים וואס מיט זיי האט ער גערעדט אין די לעצטע חדשים און האבן זיך געבעטן ער זאל זיי פארקויפן די גאנצע סטאק הענטשיקעס. ר' נחום האט זיך נישט געאיילט נאכגעבן זייער געבעט, און נאר ווען מ'האט אים אנגעטראגן גאר א הויכע פרייז האט ער צוגעשטימט צו פארקויפן די אלע הענטשיקעס.

די סומע וואס ער האט באקומען פאר די סחורה איז געווען צען מאל מער פון די פרייז וואס ער האט באצאלט פאר דעם. די סומע וואס ער האט באקומען איז אים גענוג געווען צו בצאלן זיינע חובות און עס איז אים איז אויך איבערגעבליבן א געוואלדיגע רווח.

אויב ענק ווילן פרעגן ר' נחום'ען, וועט ער ענטפערן מיט א זיכערקייט אז די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס ער האט זוכה געווען איז געקומען צוליב די זכות פון ברכת המזון, און פאר אונז איז נישט איבערגעבליבן נאר אים גערעכט געבן.

'על המזון' תשרי תשפ"א

עיצובים shay